Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 14, נומער 5 (70)

סיוון תשס״ט/יוני 2009

# גנבֿים[1] אין דער ייִדישער ליטעראַטור

דער דאָזיקער נומער (אַחוץ[2] דעם טעקסט אויף ז׳ 8 !) איז אין גאַנצן געווידמעט[3] די ייִדישע גנבֿים. איר וועט קענען זיך געניטן[4] אין דער גנבֿים־שפּראַך (ז׳ 3) און זען ווי ייִדישע שרײַבער האָבן באַהאַנדלט די טעמע אויף ייִדיש, און אויך אויף ענגליש (זז׳ 4-7).

אין דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַרנעמט די אונטערוועלט[5] אַ באַזונדער אָרט. אַ טייל שרײַבער באַטראַכטן זי פֿון אַ הומאָריסטישן קוקווינקל, ווי זיי וואָלטן ניט געגלייבט אַז בײַ ייִדן קען זײַן גנבֿים צי אַנדערע פֿאַרברעכער[6]. אַזאַ צוגאַנג זעט מען אויך אין עטלעכע אַנעקדאָטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, ווּ ייִדישע „באַנדיטן“ ווערן פֿאָרגעשטעלט ווי נעבעכדיקע קבצנים[7], וואָס לאָזן זיך אַלע מאָל איבעררעדן דורך זייערע „קרבנות“[8] און צום סוף[9] צעשיידן זיי זיך ווי גוטע פֿרײַנד. אַן ענלעכן צוגאַנג זעט מען בײַ דעם גרויסן קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, שלום־עליכם[10].

אין זײַנע דערציילונגען האָט ער געשאַפֿן אַן אידעאַליזירטע וויזיע פֿון ייִדישע שטעטלעך, ווּ די גוטמוטיקע „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות“[11] זענען ניט מסוגל[12] צו קיין שווידערלעכע פֿאַרברעכנס[13]. אין זײַנע „כּתרילעווקער[14] באַנדיטן“ (זעט זז׳ 6-7) רעדן די סימפּאַטישע גנבֿים צווישן זיך אויף אַ פֿאַרדרייטן לשון[15], וואָס דערמאָנט מער אין אַ קינדערשפּיל ווי אין דער אמתדיקער[16] גנבֿים־שפּראַך. נאָר מע דאַרף אויך דערמאָנען אַז דער זעלביקער שלום־עליכם האָט אין 1903 אַרויסגעגעבן אַ דערציילונג „מאָשקעלע גנבֿ“ וואָס גיט אַ מער רעאַליסטיש בילד פֿון דער ייִדישער אונטערוועלט. דער העלד, אַ פֿערד־גנבֿ, ניצט




**פּלאַקאַט פֿון דער פּיעסע „איציקל גנבֿ“, געשפּילט אין מאָנטעווידעאָ אין 1930** D.R.

אַ גנבֿים־שפּראַך וואָס מע האַלט זי פֿאַר אַזוי אויטענטיש אַז פֿילאָלאָגן ציטירן זי אין זייערע פֿאָרש־אַרבעטן[17]. אַן אינטערעסאַנטן בײַשפּיל פֿון דער גנבֿים־שפּראַך קען מען אויך געפֿינען אין אַ דראַמע פֿון פֿישל בימקאָ (1890-1965), „גנבֿים“, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אויף דער ייִדישער בינע[18] אין אייראָפּע און אַמעריקע. די שפּראַך פֿון דער פּיעסע איז אַזוי שווער פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן דורכשניטלעכן[19] לייענער, אַז דער מחבר[20] האָט געדאַרפֿט צוגעבן בײַם סוף אַ וואָקאַבולאַר, מע זאָל זיך קענען כאַפּן אין וואָס עס גייט.

אַ פּרוּוו פֿון אַ רעאַליסטישער באַשרײַבונג פֿון דער ייִדישער אונטערוועלט איז אויך דער ראָמאַן *פֿון אַ פֿערד־גנבֿ* (1912) פֿון יוסף[21] אָפּאַטאָשו, ווי אויך זײַנע אַנדערע דערציילונגען וועגן גנבֿים, שמוגלערס[22] צי פּראָסטיטוטקעס אין פּוילן און אַמעריקע.

דאָס באַרימטסטע ווערק וועגן דער טעמע אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז אָן אַ ספֿק[23] דער ראָמאַן פֿון שלום[24] אַש *מאָטקע גנבֿ* (1916), וואָס מע האָט אויך מיט גרויס הצלחה[25] געשפּילט אויף דער בינע. דער שרײַבער האָט געשאַפֿן אַ פֿאַרכאַפּנדיקע געשיכטע און אַ צוציִענדיקן פּערסאָנאַזש וואָס ער ווײַזט פֿון זײַן קינדהייט אָן, מיט אַלע פּאַסירונגען וואָס האָבן אים דערפֿירט צו דער „פֿינגער־מלאָכה“[26].

אין גאַנצן אַן אַנדער מין ווערק איז דער ניט געענדיקטער ראָמאַן *באַלוט* (1934) פֿונעם שרײַבער ישׂראל[27] ראַבאָן, ווּ אין אַ נאַטוראַליסטיש־גראָטעסקן סטיל מאָלט ער די אונטערוועלט־טיפּן פֿון דער לאָדזשער פֿאָרשטאָט[28] באַלוט. וועגן וואַרשעווער גנבֿים האָבן

[סוף זײַט 8]

1. GANOVIM voleurs/thieves, *sing.* גנבֿ GANEF 2. AKHU'TS excepté/aside from 3. consacré/devoted 4. vous exercer/practice 5. pègre/underworld 6. criminels/criminals 7. ... KAPTSONIM pitoyables nécessiteux/miserable paupers 8. KORBONES victimes/victims 9. ... SOF à la fin/in the end 10. SHOLEM-ALEYKHEM 11. HASOGES aspirations (*allusion à un ouvrage de Sholem-Aleykhem/reference to a work by Sholem-Aleykhem*) 12. MESUGL capables/capable 13. crimes horribles/awful crimes 14. KASRI'LEVKER de/of Kasrilevke 15. ... LOSHN langue inversée/inverted language 16. E'MESDIKER véritable/genuine 17. travaux de recherche/research 18. scène/stage 19. moyen/average 20. MEKHABER auteur/author 21. YOYSEF 22. contrebandiers/smugglers 23. ... SOFEK sans aucun doute/doubtless 24. SHOLEM 25. HATSLOKHE succès/success 26. ...-MELOKHE l'art de voler/art of stealing 27. YISROEL 28. faubourg de Lodz/suburb of Lodz

# גנבֿ[1]

דאָס וואָרט **גנבֿ**, וואָס שטאַמט פֿון העברעיִש, איז אַרײַן ניט נאָר אין ייִדיש, נאָר, ווי אַ סלענג[2]־וואָרט, אין אַנדערע שפּראַכן (ווי ענגליש, האָלענדיש און דײַטש) – זעט אויס אַז בײַ אַ סך פֿעלקער זענען דאָ גנבֿים און אַז אַ פֿאַרשטעלט[3] וואָרט פֿאַר דעם קען קומען צו ניץ[4].
אויף ייִדיש האָט דאָס וואָרט אַ גאַנצע משפּחה[5]. עס איז דאָ דער ווערב **גנבֿענען**[6] – צונעמען אַ זאַך וואָס געהערט[7] עמעצן – און דער ווערב **באַגנבֿענען**[8], וואָס מע ניצט ווען מע באַציט זיך[9] אויף אַ מענטש. מע זאָגט צום בײַשפּיל : מע האָט בײַ מיר **געגנבֿעט**[10] (אָדער **צוגעגנבֿעט**[11]) **דאָס געלטבײַטל**[12], אָבער : מע האָט **מיך באַגנבֿעט**[13].
עס איז אויך דאָ דער ווערב **אַוועקגנבֿענען** : ער האָט **אַוועקגעגנבֿעט** בײַ אַ סך קלוגע מענטשן זייער גאַנץ פֿאַרמעגן[14] (ווי דער גרויסער פֿינאַנץ־מבֿין[15] מיידאָף !). ווען די גנבֿים האָבן שוין אַוועקגעגנבֿעט אַלץ וואָס איז געווען צו גנבֿענען, קען מען זאָגן, אַז זיי האָבן אַלץ **צעגנבֿעט**[16]. און מע זאָגט אַז אַ גוטער גנבֿ קען אַרויסגנבֿענען דאָס ווײַסל[17] פֿון די אויגן !
אַ מאָל קען מען גנבֿענען און ניט זײַן קיין גנבֿ : **גנבֿענען די גרענעץ**[18] מיינט אַריבערגיין אומלעגאַל פֿון איין לאַנד אינעם צווייטן.
מיט דעם פּראָנאָם „זיך“ און אַ פּאָר קאָנווערבן קריגט דער ווערב אין גאַנצן אַן אַנדער באַטײַט[19] : גיין ערגעץ אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט באַמערקן, אַפֿילו[20] אויב מען איז ניט קיין גנבֿ. למשל[21] : יאָסעלע האָט **זיך אַרײַנגעגנבֿעט**[22] אין קיך און אויפֿגעגעסן אַלע קיכעלעך. אָדער : ווען דער זיבעטער רעדנער האָט אָנגעהויבן זײַן רעדע, האָט זי **זיך אַרויסגעגנבֿעט**[23] פֿון זאַל. די קאַץ האָט **זיך אונטערגעגנבֿעט**[24] צו אַ מויז און די מויז נעבעך[25] האָט עס נישט באַמערקט.
ס'איז אויך דאָ אַן אַדיעקטיוו, **גנבֿיש**[26], און אַ וואָרט פֿאַרן אַקט אָדער דעם פּראָדוקט פֿון גנבֿענען, די **גנבֿה**[27]. ס'איז דאָ אַ סאַטיריש פֿאָלקסליד מיטן טיטל „אַ גנבֿה“ : „בײַ מײַן רבין[28] איז געווען אַ גנבֿה – זיבן לײַכטער[29] ווי די בערן[30], דרײַ אָן פֿיס און פֿיר אָן רערן[31]...“.
צווישן גנבֿים זענען דאָ ספּעציאַליסטן, ווי אַ **מאַרק־גנבֿ**, אַ **קעשענע־גנבֿ**[32], אַ **פֿערד־גנבֿ**... אַ באַקאַנט בוך פֿון יוסף[33] אָפּאַטאָשו הייסט אַ ראָמאַן *פֿון אַ פֿערד־גנבֿ*. פֿון דעם בוך האָט מען אַגבֿ[34] אין האָליוווּד אין 1971 געמאַכט אַ פֿילם מיט אַ סצענאַר[35] אָנגעשריבן פֿונעם מחברס[36] זון, דוד[37] אָפּאַטאָשו.
אַ צונאָמען[38] פֿאַר אַ גנבֿ איז **נאָטקע־גנבֿ**. שלום[39] אַש האָט אָנגעשריבן אַ ראָמאַן מיטן טיטל *מאָטקע גנבֿ*. פֿאָניע איז אַ צונאָמען פֿאַר אַ רוס, און די רוסישע אימפּעריע





האָט מען גערופֿן **פֿאָניע־גנבֿ**. אַמעריקע האָט מען געגעבן דעם צונאָמען קאָלאָמבוסעס מדינה[40] (אָדער די גאָלדענע מדינה), נאָר די וואָס זענען געווען אַנטוישט[41] פֿון די דאָרטיקע גליקן האָבן אָנגערופֿן דאָס לאַנד **אַמעריקע־גנבֿ**.
צום סוף[42], אַ וואָרט פֿון דער תּורה[43] : דאָס זיבעטע פֿון די צען געבאָט[44] – **לא תיגנובֿ**[45] ! דו זאָלסט נישט גנבֿענען ! אַגבֿ, צי קענט איר דעם אַלטן וויץ : ווען משה רבינו[46] האָט צעבראָכן די לוחות[47], און די שטיקער האָבן זיך צעשאָטן[48], זענען אַלע צוגעלאָפֿן אויפֿהייבן אַ שטיקל. די רײַכע האָבן געקראָגן די שטיקלעך מיט די ווערטער תּגנובֿ, תּחמוד[49], תּינאף[50] און תּירצח[51] און פֿאַר די אָרעמעלײַט איז געבליבן נאָר דער „לא“[52] – „נישט“ !

## שפּריכווערטער[1]

- אַ גנבֿ[2] מוז זײַן אַ חכם[3].
- אויף דעם גנבֿ ברענט דאָס היטל. (דאָס מיינט, אַז אַ גנבֿ גיט זיך אַליין אויס[4]).
- אַז מע באַדאַרף האָבן דעם גנבֿ, שנײַדט מען אים אָפּ פֿון דער תּליה[5]. (דאָס מיינט, אין אַ נויט באַניצט מען זיך אויך מיט דעם ערגסטן).
- אַזוי לאַנג מע כאַפּט ניט דעם גנבֿ בײַ דער האַנט, הייסט ער קיין גנבֿ ניט.
- ניט די מויז איז דער גנבֿ, נאָר דאָס לאָך[6] איז דער גנבֿ[7].
- פֿון אַ גנבֿ איז שווער צו גנבֿענען[8].
- גנבֿענען און ראַבעווען[9] זאָל מען, און אַן ערלעכער[10] מאַן זאָל מען בלײַבן.
- געגנבֿעט[11] וואַסער איז זיס.
- פֿאַר[12] אַ גנבֿ טאָר מען קיין תּליה ניט דערמאָנען.
- ווער עס גנבֿעט בײַ אַן אָרעמאַן, נעמט צו בײַ גאָט אַליין.

1. proverbes/proverbs 2. GANEF voleur/thief 3. KhOKhEM intelligent 4. se trahit/gives himself away 5. TLIE potence/gallows 6. souricière/mouse hole 7. L'occasion fait le larron/Opportunity makes the thief 8. GA'NVENEN voler/steal 9. piller/rob 10. honnête/honest 11. GEGANVET volé/stolen 12. devant/in front of.

1. GANEF voleur/thief, *plur.* גנבֿים GANOVIM 2. argot/slang 3. déguisé, caché/hidden, disguised 4. être utile/ come in handy 5. MIShPOKhE famille/family 6. GA'NVENEN voler/steal 7. appartient/belongs 8. BAGA'NVENEN voler qqn/rob 9. se réfère à/refers to 10. GEGANVET volé/stole 11. TSU'GEGANVET volé/stole 12. porte-monnaie/purse 13. BAGANVET on m'a volé/robbed (me) 14. fortune 15. ... MEYVN expert en finance/financial expert 16. TSEGANVET tout raflé/stole it all 17. blanc/white 18. frontière/border 19. signification/meaning 20. AFILE même/even 21. LEMOShL par exemple/for example 22. ... ARA'YNGEGANVET s'est faufilé/sneaked in 23. ... ARO'YSGEGANVET est partie en douce/sneaked out 24. ... U'NTERGEGANVET s'est approché furtivement/sneaked up on 25. la pauvre/poor thing 26. GNEYVISh malhonnête, furtif/stealthy, dishonest 27. GNEYVE vol/theft 28. ... REBN chez mon rabbi/at my rebbe's 29. chandeliers/candlesticks 30. ours/bears ; ווי די בערן *expression* : beaux, chouettes/fine, splendid 31. branches 32. pickpocket 33. YOYSEF 34. AGEV à propos/by the way 35. scénario 36. MEKhABERS de l'auteur/the author's 37. DOVID 38. surnom/nickname 39. ShOLEM 40. ... MEDINE pays de Colomb/Columbus's land 41. déçus/disappointed 42. ... SOF pour finir/in conclusion 43. TOYRE Torah 44. commandements/commandments 45. LOY SIGNEV tu ne voleras point/thou shalt not steal 46. MOYShE RABEYNE Moïse/Moses 47. LUKhES tables de la Loi/tablets of the Law 48. éparpillés/scattered 49. SAKhMED tu convoiteras/thou shalt covet 50. SINEF tu commettras l'adultère/thou commit adultery 51. SIRTSEKh tu tueras/thou shalt kill 52. LOY ne ... point/not.

# גנבֿים[1]־שפּראַך

„די בלאַטע נקבֿה[2] האָט בײַ אים אויסגעלקחנט[3] זײַן מאַסעמאַטן, נאָר אַ וויטישע האָט זי אויסגעשאָכערט“*. איר פֿאַרשטייט ניט ? דאָס איז נאָרמאַל ! – ס'איז די ייִדישע גנבֿים־שפּראַך, אָדער, ווי מע רופֿט עס, „הענטשקע־לשון[4]“. אַ סך ווערטער אין דער דאָזיקער שפּראַך קומען פֿון לשון־קודש[5]. „לקחענען[6]“, וואָס קומט פֿונעם ווערב „נעמען“ אויף העברעיִש, מיינט דאָ „גנבֿענען[7]“. און „מאַסעמאַטן“, פֿון העברעיִשן „משׂא־ומתּן[8]“ (געשעפֿט), מיינט אויף הענטשקע־לשון „אַ געלטבײַטל[9]“ אָדער „גנבֿישע[10] געשעפֿטן“ צי אַ „גנבֿה[11]“. פֿאַר וואָס האָבן גנבֿים אַזוי ליב געהאַט דווקא[12] לשון־קודש ? ווײַל אין מיזרח[13]־אייראָפּע האָט דאָס געהאַט די גרויסע מעלה[14] אַז מע וועט עס ניט גרינג פֿאַרשטיין, און דאָס איז דאָך דער ציל פֿון יעדער געהיימער[15] שפּראַך. דער העברעיִשער קאָמפּאָנענט אינעם הענטשקע־לשון האָט אַגבֿ[16] געהאַט אַן אינטערנאַציאָנאַלן דערפֿאָלג – פֿון ייִדיש איז עס אַרײַן אין אַנדערע אַרומיקע אונטערוועלט[17]־שפּראַכן – צו די פּוילישע און רוסישע גנבֿים, און אויך אין דעם דײַטשישן „ראָטוועלש[18]“. אָבער די ייִדישע „בלאַטע[19]“ האָבן ניט נאָר געגעבן, נאָר אויך גענומען : אינעם הענטשקע־לשון זײַנען דאָ אַ סך סלאַווישע ווערטער, גענומענע בײַ די שכנים[20], ווי צום בײַשפּיל „זאַבאָרען“, וואָס קומט פֿון „נעמען“ און מיינט דאָ – „גנבֿענען“. אין קעגנטייל[21] צום געוויינטלעכן ייִדיש, זענען אין הענטשקע־לשון דאָ רעלאַטיוו ווייניק ווערטער פֿון גערמאַנישן אָפּשטאַם[22], און די וואָס זענען שוין יאָ דאָ, זענען אָפֿט גענומען דירעקט פֿון דײַטש און ניט פֿונעם גערמאַנישן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש, ווי צום בײַשפּיל דער ווערב „שטוילן“, וואָס מיינט „גנבֿענען“. אַ מאָל באַקומען זיך גאָר אינטערעסאַנטע עוואָלוציעס און גילגולים[23] פֿון די אַלע שפּראַכן. צום בײַשפּיל, „קאָזע“ הייסט אויף פּויליש „ציג“, אָבער אויך „תּפֿיסה[24]“. אַ ייִדישער גנבֿ קען זאָגן אַז ער איז געזעסן אין קאָזע, אָבער אויך – אַז ער איז געזעסן אין חד־גדיא[25]. ווי קומט קאָזע צו חד־גדיא ? ס'איז גאַנץ פּשוט[26] : פּסח־צײַט[27] זינגט מען דאָך דאָס באַרימטע ליד אויף אַרמיש[28], „חד־גדיא“, וואָס מיינט „אַ ציגעלע“ !

ס'איז שוין לאַנג ווי ייִדישע (און ניט נאָר ייִדישע) פֿילאָלאָגן האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט אינעם הענטשקע־לשון. אין יאָר 1923 איז אַרויס אין וואַרשע אַ גרויס זאַמלבוך געווידמעט דעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, *בײַ אונדז ייִדן*. י. טריוואַקס האָט דאָרטן פּובליקירט זייער אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל „ייִדישע זשאַרגאָנען“, וואָס אַ טייל פֿון אים איז טאַקע געווידמעט דעם הענטשקע־לשון. אינעם זעלבן באַנד איז דאָ אויך אַ גרויסע זאַמלונג אויסדרוקן[29], שפּריכווערטער[30] און מעשׂיות[31] וועגן גנבֿים און גנבֿה, געזאַמלט דורך שמואל[32] לעהמאַן. דערנאָך איז דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט (ייִוואָ)[33] אין ווילנע ווײַטער אָנגעגאַנגען[34] מיט זאַמלען פֿילאָלאָגישע מאַטעריאַלן פֿון דער ייִדישער אונטערוועלט.

מיר ווענדן זיך[35] מיט אַן אויפֿרוף[36] צו אַלע ייִדיש־רעדנדיקע גנבֿים : שיקט אונדז אײַערע נײַע ווערטער, מיר ווילן גיין מיט דער צײַט !

* די פּראָסטיטוטקע האָט בײַ אים געגנבֿעט דאָס געלטבײַטל, נאָר אַן אַנדער פֿרוי האָט זי אויסגעגעבן דער פּאָליציי.



1. GANOVIM voleurs/thieves, *sing.* גנבֿ GANEF 2. NEKEYVE *péj.* femme/*pej.* woman 3. O'YSGELAKKhNT volé/stole 4. ...-LOShN argot des voleurs/thieves' slang 5. LOShN-KOYDESh hébreu/Hebrew 6. LA'KKhENEN 7. GA'NVENEN voler/steal 8. MASE-MATN 9. porte-monnaie/purse 10. GNE'YVIShE de voleurs/thievery 11. GNEYVE vol/theft 12. DAVKE justement/specifically 13. MIZREKh de l'Est/Eastern 14. MAYLE avantage/advantage 15. secret 16. AGEV à propos/by the way 17. pègre/underworld 18. Rotwelsch, argot des voleurs allemands/German thieves' slang 19. voleurs, membres de la pègre/thieves, criminals 20. ShKhEYNIM voisins/neighbors 21. contrairement/unlike 22. origine/origin 23. GILGULIM métamorphoses/transformations 24. TFISE prison 25. KhAD-GADYE 26. POShET simple 27. PEYSEKh-... pendant la fête de Pessah (Pâque juive)/during Passover 28. ARAMISh araméen/Aramaic 29. expressions 30. proverbes/proverbs 31. MAYSES histoires/stories 32. ShMUEL 33. YIVO, Institut juif de recherche/Institute for Jewish Research 34. a continué/went on 35. nous nous adressons/we address 36. appel/appeal.

## גלאָסאַר : גנבֿים[1]־שפּראַך

**גנבֿ, באַנדיט, פֿאַרברעכער[2] :**

בלאַטער, מאַרוויכער, לינקער, אורקע, אָרקע, נורקע, נאַכטפֿויגל

**סאָרטן גנבֿים :**

קעשעניק[3], בײַטל־שנײַדער[4], למטה־שיבער[5] [LEMATE], שפּרינגער[6], פּאָדקאָפּניק[7], וויסטאַוווניק[8], אַכסניק[9] [AKhSANIK], באַנכאַפּער[10], וועשער[11], כלאַמידניק[12], קאָניקראַד[13], קורעלאַפּניק[14]

**גנבֿענען[15] :**

לקחענען [LAKKhENEN], לאַטכענען, שטוילן, אורקעווען, זביאָרען

**גנבֿה[16] (ווי אַ באַשעפֿטיקונג) :**

חכמת־היד [KhOKhMES-HAYA'D], פֿינגער־מלאָכה [MELOKhE], משׂא־ומתּן [MASEMATN], גראַנדע

**גנבֿה (די געגנבֿעטע זאַך) :**

חמץ [KhOMETS], שאָריע, בלינדע סחורה [SKhOYRE], פּגר [PEYGER]

**פּאָליציאַנט :**

מענטע, מיילעץ, שמעקער

**ניט קיין גנבֿ, אַ געוויינטלעכער מענטש :**

יאָלד, פֿרײַער, וויטישער

1. GANOVIM voleurs/thieves, *sing.* גנבֿ GANEF 2. criminel/criminal 3. pickpocket 4. voleur à la tire/cutpurse 5. cambrioleur de caves/robber of cellars 6. perceur de coffres-forts/safe cracker 7. cambrioleur qui creuse des tunnels/burglar who digs tunnels 8. voleur de vitrines/robber of shop windows 9. rat d'hôtel/hotel thief 10. voleur de trains/train robber 11. qui dérobe les dormeurs/one who robs people while they sleep 12. voleur de vêtements/one who steals clothing 13. voleur de chevaux/horse thief 14. voleur de poules/chicken thief 15. GA'NVENEN voler/steal 16. GNEYVE vol/theft.

# אַ לאַטקע[1] אין אַלאַסקע

דער יונגער אַמעריקאַנער שרײַבער מײַקל שייבאָן[2] האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿרישן ראָמאַן דער ייִדישער פּאָליציאַנטן־פֿאַראייִן[3]. ער שאַפֿט דאָרטן אַ נײַע וועלט, אין וועלכער די ייִדישע מדינה[4] געפֿינט זיך אין אַלאַסקע. איר אָפֿיציעלע שפּראַך איז ייִדיש, און ייִדישע פּאָליציאַנטן יאָגן זיך[5] דאָרטן נאָך ייִדישע פֿאַרברעכערס[6].




דאָס בוך, וואָס איז אַרויס אויף ענגליש אין 2007, האָט מען לעצטנס איבערגעזעצט אויף פֿראַנצייזיש. מײַקל שייבאָן האָט אויסגעטראַכט אַ פֿיקטיווע וועלט־געשיכטע, אין וועלכער מדינת־ישׂראל[7], געגרינדט אין 1948, האָט עקזיסטירט נאָר דרײַ חדשים[8]. דאָס זעלבע יאָר האָבן די פֿאַראייניקטע שטאַטן געגעבן אַ שטיקל טעריטאָריע אַרום סיטקאַ (אַלאַסקע) ווי אַ היימלאַנד פֿאַר אייראָפּעיִשע ייִדן. די קאָנצעסיע איז אָבער נאָר אויף 60 יאָר. די מעשׂה[9] קומט פֿאָר הײַנט צו טאָג און באַלד וועלן די ייִדן דאַרפֿן צוריקגעבן די טעריטאָריע און זיך ווידער לאָזן אין גלות[10]... אַזוי אַרום הערשט[11] אין דער גאַנצער געזעלשאַפֿט[12] אַ שטימונג[13] פֿון פֿאַרלוירנקייט, אומרו[14] און ייִאוש[15]. מאיר[16] לאַנדסמאַן, אַ פּאָליציאַנט, אויך אַ פֿאַרלוירענער, אַ טרינקער, לעצטנס געגט[17] מיט זײַן פֿרוי, וווינט אַליין אין אַן אָפּגעלאָזענעם[18] האָטעל־צימער. איין נאַכט געפֿינט מען אין אַן אַנדער צימער אַ מת[19] וואָס מע ווייסט נישט ווער ער איז. איר וועט מיינען אַז די גאַנצע זאַך איז נישט צום לאַכן. איר האָט אַ טעות[20]. דאָס בוך אַנטהאַלט טאַקע אַלע אינגרעדיענטן פֿון אַ „שוואַרצן ראָמאַן“ : העלדן מיט שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, אַ שטימונג אַ דומפּיקע[21] כאָטש[22] אַן אײַזיקע (מיר זענען דאָך אין אַלאַסקע, עס שמעקט מיט לאַקס[23] מער ווי מיטן „פּאַרפֿיום פֿון דער פֿרוי אין שוואַרץ“), אַ בין־השמשותדיק[24] ליכט. נאָר אויב די מעשׂה איז אַ שוואַרצע, פֿאַרמאָגט זי אויך אַ שוואַרצן הומאָר און שייבאָן פֿירט די אויספֿאָרשונג[25] שיסנדיק[26] מיט נערוועיִשע זאַצן וואָס טרייסלען אויף[27] דעם לייענער ווי אַ פּאָליציאַנט אַ חשוד[28], און די איראָניע קנאַקט ווי אַ קוילן־וואַרפֿער[29]. פֿאַרשטייט איר אַז דער טעם[30] פֿונעם בוך באַשטייט פֿונעם סטיל ניט ווייניקער ווי פֿון דעם סיפּור־המעשׂה[31].

מאַמע־לשון[32] איז דאָ אויף אַלע זײַטן און דער שרײַבער שאַפֿט נײַע פֿאָלקסטימלעכע אויסדרוקן אויף ענגליש, אינספּירירטע פֿון ייִדישע טראַדיציעס. צום בײַשפּיל : „זײַן הויט איז געווען בלאַס ווי אַ בלאַט פֿון אַ ספֿר[33]“. אָדער ער שרײַבט וועגן אַ מענטש וואָס רעדט אַ צעבראָכענעם ייִדיש : „ער רעדט ווי אַ וווּרשט־רעצעפּט מיט פֿוסנאָטעס[34]“. ער שאַפֿט אויף ייִדיש אַן אייגענע גנבֿים־שפּראַך[35] : אין ענגלישער גנבֿים־שפּראַך איז אַ רעוואָלווער אַ piece וואָס שייבאָן פֿאַרוואַנדלט[36] אין „שלום[37]“ (peace). אַן אַמעריקאַנער וואָרט פֿאַר אַ פּאָליציאַנט איז flatfoot (ער האָט פּלאַטפֿיס[38] ווײַל ער גייט אַרום אַזוי פֿיל). דערפֿאַר רופֿט שייבאָן אַ פּאָליציאַנט אַ „לאַטקע“. נאָך אַ חנעוודיקע[39] שאַפֿונג : דער „שופֿר[40]“, אַ קעשעפֿאָן[41]. אין סיטקאַ הייסט אַ האָטעל זאַמענהאָף[42], אַ גאַס כאַליאַסטרע[43], אַ בריק טשערנאָוויץ[44], און אַ פֿרוי שפּרינצע...

ווי אין אַלע קרימינאַל־ראָמאַנען[45] גייט די אַנקעטע איר גאַנג[46], נאָר צי גייט זי באמת[47] אַ גאַנג ? – פֿרעגט מען זיך ווי אין אַלע גוטע שוואַרצע ראָמאַנען. ווי עס פֿאָדערט די טראַדיציע, גיט דאָס בוך ענטפֿערס וואָס זענען אויך שאלות[48] : צווישן זיי, ווער איז באמת דער קרבן[49], ווער איז באמת דער מערדער ? ווו איז מען אין גלות ? ווי אַזוי קען מען אויסמײַדן[50] דאָס שלעכטס ?

שייבאָן האָט דאָ געשאַפֿן אַ מאַרגינאַל וועלטל ווו ער האָט גלענצנדיק אַרײַנגעפֿלאָכטן[51] אַ סך אַלוזיעס אויף דער ייִדישער וועלט, דער פֿאַרגאַנגענער צי דער הײַנטצײַטיקער, און אויף דער ייִדישער קולטור. מע פֿאַרשטייט זייער גוט פֿאַר וואָס ער האָט געוואָלט אַוועקשטעלן זײַן דערציילונג דווקא[52] אין אַלאַסקע : עס איז שטאַרק ניצלעך אַ בלאָז צו טאָן[53] מיט קעלט אויף ברענענדיקע פּראָבלעמען.

נו, לשנה הבאה בסיטקאַ[54] ? דאָס קומענדיקע יאָר אין סיטקאַ ?

1. sorte de crêpe/pancake 2. Michael Chabon 3. *Le Club des policiers yiddish*, R. Laffont, 2009/*The Yiddish Policemen's Union*, Harper Collins, 2007 4. MEDINE État/state 5. poursuivent/chase 6. criminels/criminals 7. MEDINES-YISROEL État d'Israël/State of Israel 8. KHADOSHIM mois/months 9. MAYSE histoire/story 10. GOLES exil/exile 11. règne/reigns 12. société/society 13. ambiance/mood 14. inquiétude/unrest 15. YIESH désespoir/despair 16. MEYER 17. GEGE'T divorcé/divorced 18. miteux/seedy 19. MES cadavre/dead body 20. … TOES vous avez tort/are mistaken 21. poisseux/musty 22. quoique/though 23. saumon/salmon 24. BEYN-HASHMO'SHESDIK crépusculaire/twilight 25. enquête/investigation 26. mitraillant/firing off 27. secouent/shake up 28. KHOSHED suspect 29. mitrailleuse/machine-gun 30. TAM saveur/flavor 31. SIPER-HAMAYSE intrigue/plot 32. …-LOSHN yiddish/Yiddish 33. SEYFER livre sacré/holy book 34. notes de bas de page/footnotes 35. GANOVIM-… argot des voleurs/thieves' slang 36. transforme/transforms 37. SHOLEM paix/peace 38. pieds plats/flat feet 39. KHE'YNEVDIKE savoureux/appealing 40. SHOYFER shofar 41. téléphone portable/cell phone 42. Ludwik Zamenhof, inventeur de l'esperanto/inventor of Esperanto 43. un groupe de poètes yiddish modernistes dans les années 1920/a group of modernist Yiddish poets in the 1920s 44. Czernowitz, site du congrès sur la langue yiddish en 1908/site of the Yiddish Language Conference, 1908 45. romans policiers/detective stories 46. suit son cours/progresses 47. BEEMES vraiment/really 48. SHAYLES questions 49. KORBN victime/victim 50. éviter/avoid 51. a entremêlé brillamment/brilliantly woven in 52. DAFKE justement/precisely 53. souffler sur/blow on 54. LESHONE HABO' BESITKA l'an prochain à Sitka/next year in Sitka.

אַבֿרהם[1] קאַרפּינאָוויטש (2004–1918) איז געווען דער גרויסער באַזינגער[2] פֿון ווילנע און פֿון דער ווילנער אונטערוועלט[3]. אין זײַן בוך דערציילונגען געווען, געווען אַ מאָל ווילנע געפֿינט זיך אַ טעקסט וועגן אורקע נאַכאַלניק[4], אַ ייִדישן גנבֿ[5] וואָס איז געוואָרן באַרימט איבער גאַנץ פּוילן מיט דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין תּפֿיסה[6] זײַנע זכרונות[7]. די זכרונות זענען געווען אויף פּויליש, נאָר מע האָט זיי גיך איבערגעזעצט אויף ייִדיש און אורקע נאַכאַלניק איז געוואָרן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אויף דער ייִדישער גאַס[8].



**אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש** D.R.

# אורקע נאַכאַלניק

## פֿון אַבֿרהם קאַרפּינאָוויטש

### פֿראַגמענטן

[...]

*[אין אָנהייב פֿון דער דערציילונג זיצט אורקע אין תּפֿיסה. דער תּפֿיסה־דירעקטאָר לייענט פֿון זײַן טעקע[9].]*

„יצחק[10] פֿאַרבעראָוויטש, (צונאָמען[11] אורקע נאַכאַלניק), געבוירן אין יאָר 1897 אין אַ שטעטל ניט ווײַט פֿון לאָמזשע. זײַן פֿאָטער – אַ פֿאַרמעגלעכער סוחר[12]. באַקומען טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג. צו פֿופֿצן יאָר באַגנבֿעט[13] דעם טאַטן און אַנטלאָפֿן קיין ווילנע. ביסלעכווײַז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אונטערוועלט. געזעסן אין פֿאַרשיידענע תּפֿיסות פֿון פּוילן. פֿון 1927 – אין דער ראַוויטשער תּפֿיסה, פֿאַרמישפּט[14] אויף 8 יאָר פֿאַר אַ פּרוּוו צו באַרויבן[15] די מלוכה[16]־באַנק אין וואַרשע."

[...]

*[אורקע ווערט באַפֿרײַט פֿון תּפֿיסה, פֿאָרט צוריק קיין ווילנע און שרײַבט ווײַטער.]*

דאָס ערשטע בוך האָט געמאַכט אַ רושם[17]. צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן זיך פֿונאַנדערגעשריבן וועגן דעם גנבֿ אורקע נאַכאַלניק, וואָס איז אַ געשעעניש אין דער פּוילישער ליטעראַטור. אין ריגע האָט מען דאָס בוך איבערגעזעצט אויף רוסיש, און אויך דאָרטן, אין דער לעטלאַנדישער[18] הויפּטשטאָט, איז אורקע נאַכאַלניק איבער נאַכט געוואָרן אַ סענסאַציע אויפֿן ביכער־מאַרק.
ערנסטע צײַטונגען האָבן פֿון אים געוואָלט הערן אַ וואָרט. אָבער אורקע האָט זיך ניט געיאָגט נאָך אָט די „שמאָנצעס[19]". [...] ער האָט געוווינט אין אַ הילצערן הויז, אויפֿן ראַנד[20] פֿון שטאָט, האַרט לעבן[21] זאַקרעטער וואַלד, און האָט געשריבן. ער האָט דאָרטן פֿאַרענדיקט דעם ראָמאַן *לעבעדיקע מתים*[22] וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהויבן שרײַבן אין תּפֿיסה. דער פֿאַרלאַג „רוי"[23] האָט אים אויסגעכאַפּט ווי אַן אבֿן־טובֿ[24] און די פּרעסע האָט זיך ווידער צעשריבן וועגן דעם פֿענאָמען, ווי אַזוי ס'איז געוואָרן פֿון אַ גנבֿ אַ שרײַבער מיט אַזאַ טאַלאַנט.
אורקע האָט אויך ניט פֿאַרגעסן די אַדרעסן וואָס ער האָט באַקומען בײַם אַרויסגיין פֿון תּפֿיסה. דעם ערשטן וויזיט האָט ער אָפּגעשטאַט[25] דודס[26] פֿאָטער אין ייִדישן טעאַטער. יענער האָט אים געגעבן אַ פֿרײַען אַרײַנפֿיר אויף אַלע פֿאָרשטעלונגען[27] און אים אויך צונויפֿגעפֿירט מיט עטלעכע ייִדישע שרײַבערס. אָבער פֿון די טרעפֿענישן איז קיין נאָענטע פֿרײַנדשאַפֿט ניט אַרויס. מיט זײַן פּוילישן האַרטן ייִדיש, האָט זיך אורקע ניט געפֿילט גוט צווישן די ליטוואַקעס[28]. פֿון די ליטעראַרישע אָוונטן איז ער אַרויס אַ פֿאַראומערטער[29]. די טעמעס האָבן אים ניט אינטערעסירט און די שמועסן מיט ווילנער שרײַבערס האָבן זיך ניט געקלעפּט[30]. דערצו האָט נאָך שמואל[31]־לייב ציטראָן, פֿון די עלטסטע ווילנער שרײַבערס, געזאָגט, אַז נאָך דעם, ווי שלום אַש[32] האָט געבראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַן *מאָטקע גנבֿ*, איז מער ניטאָ וואָס צוצוגעבן אין דער ריכטונג.
אורקע נאַכאַלניק האָט זיך אויך ניט געפֿונען קיין אָרט אין דער שרײַבער־גרופּע „יונג־ווילנע". דער איינציקער מיט וועמען ער האָט זיך יאָ פֿאַרחבֿרט[33], איז געווען סיאָמקע קאַהאַן[34], וואָס האָט ניט געוואָרפֿן[35] מיט קיין הויך למדנישע[36] ווערטער וועגן ליטעראַטור און קונסט. סיאָמקע האָט אורקען אַרײַנגעפֿירט צו מאַקס ווײַנרײַך, דער דירעקטאָר פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט[37], ער זאָל באַרײַכערן דאָרטן דעם ווערטלעך־אוצר[38] פֿון דער ייִדישער אונטערוועלט. האָט ער טאַקע צוגעשריבן צו דער רשימה[39] אַ ריי[40] אויסדרוקן, וואָס וואָלטן פֿאַרפֿאַלן געוואָרן[41]. [...]



**אַ גאַס אין ווילנע** D.R.



1. AVROM 2. chantre/bard 3. pègre/underworld 4. Urke Nachalnik (*nom de plume de/pen name of* Yitskhok Farberowicz, 1897- 1940?) 5. GANEF voleur/thief, *plur.* גנבֿים GANOVIM 6. TFISE prison 7. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 8. le monde juif/the Jewish world 9. dossier/file 10. YITSKHOK 11. surnom/nickname 12. … SOYKHER riche commerçant/wealthy merchant 13. BAGANVET a volé/robbed 14. FARMISHPET condamné/sentenced 15. braquer/rob 16. d'État/state 17. ROYSHEM impression 18. letton/Latvian 19. bêtises/nonsense 20. bordure/edge 21. tout près/hard by 22. … MEYSIM morts vivants/living dead 23. maison d'édition Roj/Roj publishing house 24. EYVN-TOV joyau/gem 25. rendu/paid 26. DOVIDS *(Dovid est un garçon qu'il a connu en prison/Dovid is a boy he knew in prison)* 27. spectacles/shows 28. Juifs lituaniens/Lithuanian Jews 29. démoralisé/depressed 30. collés/didn't work 31. SHMUEL 32. SHOLEM Asch 33. FARKHAVERT lié d'amitié/made friends 34. Shimshn Kahan (1905-1941) 35. *ici* ne se gargarisait pas/*here* didn't spout 36. LAMDO'NISHE érudits/learned 37. YIVO 38. …-OYTSER collection de dictons/collection of sayings 39. RESHIME liste/list 40. série/series 41. se seraient perdus/would have been lost.

# די באַנדיטן און דער שרײַבער



הײַיאָר[1] פֿײַערט מען דעם 150סטן געבוירן־טאָג פֿונעם גרויסן שרײַבער שלום־עליכם[2] (1916–1859). ער שטאַמט[3] פֿון וואָראָנקע, אַ קליין שטעטל אין אוקרײַנע, וואָס האָט שפּעטער געדינט ווי אַ מאָדעל פֿאַר זײַן פֿיקטיוו ייִדיש שטעטל כּתרילעווקע[4] – די סצענע פֿון אַזוי פֿיל פֿון זײַנע באַרימטע ווערק. און ווי באַלד כּתרילעווקע איז אַ ייִדיש שטעטל ווי אַלע ייִדישע שטעטלעך האָט עס אויך זײַן חלק[5] גנבֿים[6] און גזלנים[7]. זיי האָבן זייער אייגענע געהיימע[8] שפּראַך, ווי עס פּאַסט פֿאַר גנבֿים, נאָר צי זענען זיי טאַקע ווי אַלע גנבֿים ?

## כּתרילעווקער[9] באַנדיטן

### פֿון שלום־עליכם

פֿראַגמענטן

געקומען אַהיים [...] און אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון מײַן חדר[10], בין איך ניבֿהל־ונשתּומם געוואָרן[11] : איך האָב דערזען דרײַ מאָדנע פּאַרשוינען[12], נישט קיין באַקאַנטע פּנימער[13], דרייען זיך אַרום מיט ליכט. דאָס בעט איז צעוואָרפֿן, די שאַפֿע איז אָפֿן, מײַן טשעמאָדאַנטשיק[14] ליגט אין מיטן שטוב, און מײַנע פּאַפּירן, מײַנע כּתבֿים[15], וואַלגערן[16] זיך אויף דער ערד.

– וואָס איז דאָס ? ווער זײַט איר ? וואָס טוט איר דאָ ? – טו איך אַ פֿרעג בײַ איינעם, אַ ייִד מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ בלויער בראָדעווקע[17] אויף דער נאָז.

– **זײַוו אים אַ סעמער, לאָז אים סאַרוי די נשמה[18] !** – רופֿט זיך אָן איינער אויף אַ משונה[19]־מאָדנע לשון[20] צום רויטן מיט דער בלויער בראָדעווקע.

דער רויטער ענטפֿערט נישט דאָס אַנדערע וואָרט ; ער פֿאַרשליסט די טיר, בייגט זיך אָן און שלעפּט אַרויס פֿונעם שטיוול[21] אַ גרויסן, אַ שאַרפֿן, אַ קאָלאָדאָטש[22]־מעסער און טוט אַ מאַך[23] מיטן מעסער מיר איבערן פּנים הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ כּישוף־מאַכער[24].

– ווער מיר זײַנען ? מיר זײַנען היגע[25] באַנדיטן ! – רופֿט זיך אָן צו מיר איינער פֿון דער חבֿרה[26], אַ שוואַרצער ייִד מיט אַ בעלמע[27] אויף איין אויג, און בשעת[28] ער רעדט אויס דאָס וואָרט „באַנדיטן“, טוט ער מיטן געזונטן אויג אַ מוראדיקן[29] גלאַנץ און אַ קריץ מיט די ציין, ווי אַ רוצח[30].

– **טו אים אַ לײַסטער בײַ די שעקענעס !** – רופֿט זיך אָן יענער אויף זייער איבערגעקערטער[31] שפּראַך.

– דענגי[32] ! דאַוואַי[33] דענגי !! – שרײַט אויס דער דריטער פֿון דער חבֿרה, אַ הויכער ייִד מיט אַ הייזעריק קול[34], און כאַפּט מיך אָן בײַ דער לאַץ[35] פֿון דער קאַפּאָטע[36] און טרייסלט מיך ווי אַ לולבֿ[37].

– געלט – זאָג איך – ווילט איר ? בײַ מיר ווילט איר נעמען געלט ? גאָט האָט מיך אויסגעהיט[38] פֿון געלט.

–**גאָז אים אַז ער גײַלט !** – רופֿט זיך אָן יענער אַלץ אויף זייער לשון.

– דו לײַגסט[39] ! – מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בעלמע. – די מינוט זאָלסטו אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו האָסט, אַנישט – געזעגן זיך אָפּ[40] מיטן לעבן. מיר שענקען דיר צוויי מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך און איין מינוט אויף זאָגן ווידוי[41]...

און בכדי[42] איך זאָל נישט מיינען, אַז מע טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס[43], גייט צו מיר צו דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, און באַווײַזט מיר מיטן מעסער אַרויף און אַראָפּ, אַהין און אַהער, עטלעכע מאָל, ווי מע מאַכט מיטן לולבֿ סוכּות צו הלל[44].

– **וואָס טיישט איר, ווי די מיילענע לוגמס ? לאָז מען אים בינדן די טהען מיט די סיף !** – רופֿט זיך אָן דער הייזעריקער אויף זײַן פֿאַרשטעלטער שפּראַך און לאָזט אויס אויף אונדזער לשון :

– ווו זײַנען ערגעץ די שטריק[45] ? לאָמיר אים בינדן !

– למאַי[46] זאָלט איר זיך מטריח זײַן[47] ? – זאָג איך. – אַמער[48], נאַט אײַך אָפּ מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, דאָס בײַטעלע מיט די עטלעכע קערבלעך[49], און לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איר צו מיר ? איך בין אַ טאַטע פֿון קינדער, קיין עין־הרע[50], פֿיר מיידלעך מיט צוויי ייִנגלעך, דאָס קלענסטע איז נאָך נישט אַלט קיין חודש[51]...

1. cette année/this year 2. SHOLEM-ALEYKHEM, *pseud. de/of* Sholem Rabinovitsh 3. est originaire de/comes from 4. KASRI'LEVKE 5. KHEYLEK part/share 6. GANOVIM voleurs/thieves, *sing.* גנבֿ GANEF 7. GAZLONIM brigands/bandits, *sing.* גזלן GAZLEN 8. secret 9. de/of KASRI'LEVKE 10. KHEYDER *ici* chambre/*here* room 11. NIVL-VENISHTO'YMEM ... stupéfait/amazed 12. types bizarres/strange-looking people 13. PE'NEMER visages/faces, *sing.* פּנים PONEM 14. valise 15. KSOVIM écrits/writings 16. sont éparpillés/are scattered 17. verrue/mole, wart 18. NESHOME âme (*les phrases en gras sont expliquées dans l'encadré p. 7*)/soul (*the sentences in bold are explained in the box p. 7*) 19. MESHUNE étrange/strange 20. LOSHN langue/language 21. botte/boot 22. de cuisine/kitchen 23. agite/waves 24. KISHEF-... magicien/magician 25. d'ici, du coin/local 26. KHEVRE bande/gang 27. cataracte/cataract 28. BESHA'S pendant que/while 29. MO'YREDIKN terrifiant/frightful 30. RETSEYEKH assassin/murderer 31. inversé/inverted 32. argent (*en russe*)/money (*in Russian*) 33. donne (*en russe*)/give (*in Russian*) 34. ... KOL voix rauque/hoarse voice 35. revers/lapel 36. cafetan/kaftan 37. LULEV branche de palmier que l'on secoue pendant la fête de Soucot/palm branch shaken in a ceremony during Succoth 38. préservé/spared 39. tu mens/you're lying 40. dis au revoir/say goodbye 41. VIDE confession 42. BIKHDE'Y pour que/so that 43. qu'ils plaisantent/that they're joking 44. SUKES ... HALEL quand on chante des hymnes à la fête de Soucot/during Succoth when hymns are sung 45. cordes/ropes 46. LEMA'Y pourquoi/why 47. MATRIEKH ... se donner de la peine/take the trouble 48. plutôt/what's better 49. roubles/rubles 50. ... EYN(H)ORE que le mauvais œil soit écarté/no

## שלום־עליכמס גנבֿים־שפּראַך[1]

אינעם טעקסט זײַנען דאָ אַ פּאָר זאַצן פֿון אַ „גנבֿים־שפּראַך“ וואָס שלום־עליכם האָט אויסגעטראַכט. עס איז געבויט אויפֿן סמך[2] פֿון פֿאַרקערטערטער[3] שפּראַך וואָס קינדער ניצן כּדיי[4] די דערוואַקסענע זאָלן זיי ניט פֿאַרשטיין. אויב איר ווילט זען אמתדיקע[5] גנבֿים־שפּראַך, לייענט דעם אַרטיקל אויף ז׳ 3.

זײַוו אים אַ סעמער = ווײַז אים אַ מעסער

לאָז אים סאַרוי די נשמה[6] = לאָז אים אַרויס די נשמה

טו אים אַ לייסטער בײַ די שעקענעס = טו אים אַ טרייסל[7] בײַ די קעשענעס[8]

גאָז אים אַז ער גײַלט = זאָג אים אַז ער לײַגט[9]

וואָס טיישט איר ווי די מיילענע לוגמס ? = וואָס שטייט איר ווי די ליימענע גולמס[10] ?

לאָז מען אים בינדן די טהען מיט די סיף = לאָז מען אים בינדן די הענט מיט די פֿיס

טו אים אַ פּאַט בײַם גייזער = טו אים אַ טאַפּ[11] בײַם זייגער

פּאַכט אים דער טאַוונכאַמער ! = כאַפּט אים דער וואַטן־מאַכער[12] !

ער איז אַ מאָרענאַם גלײַך מיט אונדז = ער איז אַן אָרעמאַן גלײַך מיט אונדז

1. SHOLEM-ALEYKHEMS GANOVIM- … l'argot des voleurs de Sholem-Aleykhem/thieves' slang of Sholem-Aleykhem 2. SMAKH base/basis 3. inversé/inverted 4. KEDE'Y pour que/so that 5. E'MESDIKE véritable/real 6. NESHOME âme/soul 7. secoue/shake out 8. poches/pockets 9. il ment/he's lying 10. … GOYLEMS plantés là comme des imbéciles/like a bump on a log 11. tâtez-lui/tap him down 12. que le diable l'emporte !/may the devil take him !

אַלע דרײַ באַנדיטן רעדן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן אויף זייער גנבֿהשער[52] שפּראַך, ציילן איבער די עטלעכע קערבלעך, וואָס בײַ מיר אין בײַטעלע, און נעמען מיך אויפֿן צימבל[53]. זיי פֿרעגן מיך און איך ענטפֿער זיי.

– פֿון וואַנען אַ ייִד[54] ?

– פֿון יעהופּעץ[55].

– מה שמכם ?[56]

– שלום־עליכם[57].

– עליכם־שלום[58]. ווי אַזוי איז אײַער נאָמען ?

– שלום־עליכם.

– עליכם־שלום . מיר פֿרעגן אײַך, ווי אַזוי רופֿט מען אײַך ?

– שלום־עליכם – אַזוי רופֿט מען מיך טאַקע.

– אַ טשודנער[59] נאָמען ! וואָס איז אײַער טועכץ[60] ?

– איך בין אַ שרײַבער.

– מע שמועסט, וואָס איז אײַער טועכץ, אײַער פּרנסה[61] ?

– איך בין אַ שרײַבער.

[…]

– עמעצער צאָלט אײַך עפּעס דערפֿאַר, וואָס איר שרײַבט ?

– געוויינטלעך.

[…]

– **טו אים אַ פּאַט בײַם גייזער !** – רופֿט זיך אָן איינער אויף גנבֿיש לשון.

– ווּ איז אײַער זייגער ? מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און באַזוכט מיר אַלע קעשענעס. – איר האָט גאָר נישט קיין זייגער ?

– איך האָב – זאָג איך – אַ זייגער, און דווקא[62] אַ גוטן זייגער, אַ גילדענעם, איז ער פֿאַרזעצט[63] אין לאָמבאַרד[64] אין יעהופּעץ …

[…]

– **פּאַכט אים דער טאַוונכאַמער !** – רופֿט זיך אָן איינער אויף זייער לשון. **ער איז אַ מאָרענאַם גלײַך מיט אונדז !…**

– אַ גוטע נאַכט ! – מאַכן צו מיר די באַנדיטן און לאָזן זיך גיין. – דאָס אַנדערע מאָל, אַז איר גייט אַוועק, זאָלט איר פֿאַרשליסן די טיר, נישט פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן אייבערשטנס נסים[65] און אויפֿן יושר[66] פֿון כּתרילעווקער גנבֿים… האָט קיין פֿאַראיבל[67] נישט, וואָס מיר האָבן אײַך אפֿשר[68] דערקוטשעט[69].

[…]





evil eye 51. KHOYDESH mois/month 52. GNE'YVISHER de voleurs/thieves' 53. interroger/interrogate 54. D'où venez-vous ?/Where are you from? 55. *nom d'une ville fictive/fictitious town* 56. MA SHMEYKHEM comment vous appelez-vous ?/what's your name? 57. SHOLEM-ALEYKHEM 58. ALEYKHEM-SHOLEM *réponse à «Bonjour» (malentendu avec le nom de l'auteur)/reply to «How do you do» (pun on the author's name)* 59. étrange/strange 60. profession 61. PARNOSE gagne-pain/living 62. DAFKE même, pour tout dire/indeed 63. en gage/pawned 64. mont de piété/pawnshop 65. NISIM miracles, *sing.* נס NES 66. YOYSHER sens de la justice/fair play 67. sans rancune/don't be offended 68. EFSHER peut-être/perhaps 69. importuné/troubled.

## פֿאַר אָנהייבער

דער דאָזיקער טעקסט האָט גאָרניט צו טאָן מיט גנבֿים[1] ! עטעלע ניבאָרסקי, וואָס וווינט אין ירושלים[2], האָט אונדז צוגעשיקט אַ מעשׂה[3]. זי איז אַלט גאַנצע זיבן יאָר און רעדט אַ פּרעכטיקן[4] ייִדיש. מיינט ניט אַז דאָס איז עטעלעס ערשט ליטעראַריש ווערק : זי האָט דעביוטירט אין דעצעמבער 2008 אין דער ניו־יאָרקער צײַטשריפֿט פֿאַר ייִדיש־לערנער, ווײַטער, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿונעם פֿאָרווערטס. דעמאָלט האָט זי אָנגעשריבן אַ מעשׂהלע[5] וועגן אַ כעלעמער תּלמיד[6]. אין דער הײַנטיקער מעשׂה דערציילט עטעלע פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער אויסדרוק „נח מיט זיבן גרײַזן[7]“, וואָס מע ניצט אין ייִדיש צו זאָגן „גאָר שטאַרק פֿאַרגרײַזט[8]“.

# נח (מיט זיבן גרײַזן)

## פֿון עטעלע ניבאָרסקי




געווען אַ מאָל אַ תּלמיד אַ חכם[9], האָט ער געהייסן נח. די קינדער, די קליינע, האָבן אים גערופֿן „מוח[10]“, סתּם[11] צוליב קינאה[12]. נח איז געווען נײַן יאָר אַלט און אַ פֿרומער[13]. ער האָט געהאַט אַ שוועסטער און אַ ברודער אויך. די שוועסטער האָט געהייסן חווה[14] און דער ברודער אָדם[15]. זיי זענען געווען זעקס יאָר אַלט. זיי האָבן נישט געקענט שרײַבן גוט און זיי האָבן געשריבן נח מיט זיבן גרײַזן, אָט אַזוי : „ניאָאייעך“. אַזוי אין קלאַס, אַזוי אין שול, אַזוי אין אַלע ערטער. נח האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט די זיבן גרײַזן. ער האָט געזאָגט זײַנע ברידער, זיי זאָלן שרײַבן ווי ס'פּאַסט, אָבער זיי ווילן נישט וויסן און ווילן נישט הערן. אַזוי אַ טאָג און נאָך אַ טאָג, און אַ גאַנצע וואָך, און אויך נאָך אַ יאָר, און אַזוי איז אַריבער אַ סך צײַט, ביז הײַנט. און אַ סך מאָל, אַפֿילו[16] הײַנט, זאָגן די טאַטעס די קינדער : שרײַבט נח אַזוי : „נח“, און נישט מיט זיבן גרײַזן !



סוף

[SOF] fin/end

1. GANOVIM voleurs/thieves 2. YERUSHOLAIM Jérusalem 3. MAYSE histoire/story 4. magnifique/splendid 5. MAYSELE petite histoire/little story 6. ... TALMID élève de Chelm/schoolboy from Chelm 7. NOYEKH ... *littéralt.* "Noé avec sept fautes"/*lit.* "Noah with seven errors" 8. entaché d'erreurs/full with errors 9. KHOKHEM intelligent 10. MOYEKH cerveau/brain 11. STAM tout simplement/simply 12. KINE jalousie/jealousy 13. religieux/pious 14. KHAVE Eve 15. ODEM Adam 16. AFILE même/even.

[סוף פֿון זײַט 1]

געשריבן דער עיקר[29] אפֿרים[30] קאַגאַנאָווסקי אין זײַנע דערציילונגען און משה[31] קנאַפּהייס אין זײַן פּאָעמע „מקום[32]“ וועגן דער וואַרשעווער אַלטשטאָט.
נאָך דעם חורבן[33], ווען קיין ייִדישע אונטערוועלט אין מיזרח[34]־אייראָפּע איז שוין מער ניט געווען, זעט מען בײַ עטלעכע שרײַבער גאָר וואַרעמע באַשרײַבונגען פֿון די אַמאָליקע גנבֿים. אַבֿרהם[35] קאַרפּינאָוויטש (זעט ז' 5) ווידמעט עטלעכע פֿון זײַנע דערציילונגען וועגן ווילנע דער דאָרטיקער אונטערוועלט, וואָס האָט זיך געהאַט איר אייגענעם כּבֿוד[36] און פּרינציפּן. און חווה[37] ראָזענפֿאַרב שאַפֿט אין איר גרויסער טרילאָגיע וועגן לאָדזשער געטאָ, *דער בוים פֿון לעבן*, די געשטאַלט פֿונעם איידעלן גענגסטער וואַלענטינאָ וואָס געהערט צו די שענסטע פּערסאָנאַזשן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

29. ... IKER surtout/mainly 30. EFROIM 31. MOYSHE 32. MOKEM *littéralt.* lieu, surnom yiddish de la vieille ville de Varsovie/*lit.* place, Yiddish nickname for the Old City of Warsaw 33. KHURBN Shoah 34. MIZREKH de l'Est/Eastern 35. AVROM 36. KOVED honneur/honor 37. KHAVE.


דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
18 passage Saint-Pierre Amelot
75011 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com




די בילדער אויף די זז' 2, 3, 6–8 זענען אילוסטראַציעס פֿון ישׂשׂכר ריבאַק צו דער מעשׂה „מיידעלע און גנבֿים“. D.R.